# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**


הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב


לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם
בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת.


בעזרת השי"ת ▪ במדבר מבהה"ח תש"פ ▪ גליון עז'


# "האט דיין נאמען עפעס א חשיבות?"

## ווען מען'ס נאמען וועט דיין קינד נוצן,
## זיין טאטע'ס נאמען אדער זיין מאמע'ס נאמען?...

**ספר במדבר** ווערט אנגערופן אין חז"ל **חומש הפקודים**, צוליב די ציילונגען מיט וואס דער ספר הייבט זיך אן, על אף וואס אין די ספר איז דא עטליכע גרויסע געשעענישן, פארט האבן חז"ל געשפירט דעם ענין פון ציילן די אידישע קינדער פאר חשוב'ער...

אין די וואכנדיגע גליון, וועלן מיר אדורך טוהן דעם ענין פון ציילן, ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען און וואס גענוי האט מען געדארפט טוהן. ווען מיר וועלן לערנען און פארשטיין דער מצוה, וועט אנטפלעקט ווערן דער געוואלדיגע ענין פון א "**נאמען**", וואס מיינט דאס א נאמען פאר א מענטש און ווי אזוי מען געבט אכטונג אויף דעם.

ועי"ז, וועלן מיר בעסער פארשטיין די ווערטער פון רב יוסף וואס האט געזאגט אויפן יום טוב שבועות **אי לא האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא**...

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת.** (במדבר א, ב)

ר"ח אייר, אין די צווייטע יאר פון יצ"מ, 30 טעג[א] נאך וואס מען האט אויפגעשטעלט די משכן, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו צו גיין ציילן די אידישע קינדער...

הגם דאס איז נישט דעם ערשטע מאל[ב], וואס מען גייט ציילן די אידן, דאך איז דער ציילונג עפעס ספעציעל מיט עטליכע חידושים מער פון אלע פריערדיגע ציילונגען.

**לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת...** ביי די ציילונג דארף מען נישט נאר וויסן וויפיל איז דער קאפ-צאל, (כמש"כ לעיל שמות ל' יב, כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם), נאר מען דארף אויך באקומען מער דיטאלען... דהיינו, **לְמִשְׁפְּחֹתָם**, מען דארף וויסן גענוי וויפיל מענטשן יעדע שבט פארמאגט באזונדער. (רש"י [ג])

ווי אזוי? **לְבֵית אֲבֹתָם**, מען זאל ציילן די קינדער פון יעדע משפחה לויט די שבט פון וועלכע דער טאטע קומט. אויב דער מאמע קומט פון איין שבט און דער טאטע קומט פון אן אנדערן שבט, רעכנט מען די קינדער לויטן שבט פונעם טאטען. (עי' פי' רש"י)

נאך מער, **בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת כָּל זָכָר לְגֻלְגְּלֹתָם**, יעדער איינער דארף עקסטער ארויסזאגן זיין נאמען בשעת ער ברענגט זיין מחצית השקל.

**דהיינו:** עס איז נישט גענוג אז מען פרעגט דעם ראש המשפחה וויפיל קינדער ער האט און אזוי ציילן יעדע שבט (רמב"ן פסוק מה'), נאר יעדע מענטש באזונדער, בעת ווען ער געבט איבער די מחצית השקל פאר משה, זאל ארויסזאגן זיין גאנצע נאמען, "אני פלוני נולדתי לפלוני ממשפחת פלוני ומשבט פלוני"[ד], (כגון: אני **אֱלִיאָב** נולדתי **לְפַלּוּא** ממשפחת **הַפַּלֻּאִי** משבט ראובן). (עי' במדבר כו, ח)

און די שקלים וועט מען צוטיילן לויט די שבטים, ועי"ז וועט מען וויסן גענוי דעם סכום פון יעדן שבט. (רמב"ן סוף פסוק ג' ופסוק יח')

### לאמיר פארשטיין דעם ענין!

#### פארוואס דארף מען יעצט נאכאמאל ציילן די אידן?

זאגן די מפורשים[ה]: דאס איז געווען אן הכנה לכניסת ארץ ישראל, וויבאלד לויטן פלאן האבן מען געדארפט ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל

---

[א] והיינו בר"ח ניסן הוקם המשכן והשרה שכינתו, ולא ציוה למנותם מיד בהקמת המשכן אלא המתין שיעברו שלשים יום, בכדי שתיחשב השראת השכונה כקבועה. (גו"א)

[ב] פעם שלישי מאת שיצאו ממצרים, פעם ראשונה ביום טו' ניסן כשיצאו ממצרים, פעם שני בתשרי שלאחריו אחר חטא העגל (פרשת כי תשא), ועכשיו בא' באייר.

[ג] עי' פי' רש"י וכונתו לבאר פירוש המילות של **למשפחתם**, ר"ל אין פירושו כמשמעה וכלומר שימנו כל משפחה בנפרד, אלא פירושו- לשבטיהם. (עי' רא"ם גו"א)

[ד] במספר שמות: במספר, מלשון סיפור והגדה ואין זה לשון ספירה.

[ה] עי' בחזקוני, ספורנו, רשב"ם, והטור פסוק מו. משא"כ פי' רש"י כאן הוא באופ"א, ועי' באוחה"ק מה שהק' עליו.


פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אין צוואנציג טעג ארום, (כדכתיב בפרשת בהעלתך: וַיְהִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּעֶשְׂרִים בַּחֹדֶשׁ נַעֲלָה הֶעָנָן מֵעַל מִשְׁכַּן הָעֵדֻת. להלן י, יא.) האט מען זיך יעצט אנגעהויבן גרייטן און געציילט די אידן כדי צו וויסן וויפיל מיליטערלייט עס זענען דא. אזוי אויך, האט מען געדארפט וויסן דער סכום פון יעדן שבט באזונדער, וויפיל מענטשן יעדע שבט פארמאגט, כדי צו וויסן וויפיל קרקע מען דארף צושטעלן און צוגרייטן פאר יעדע שבט ווען מען וועט צוטיילן די נחלות.

דערפאר, האט דייקא יעצט געדארפט זיין **לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם,** ציילן יעדע שבט עקסטער. משא"כ,ביים פריערדיגן ציילונג איז געווען גענוג **כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם**, מען האט געקענט אריינרעכענען גאנץ כלל ישראל אין איין ציילונג.

## א פערדע ציילונג:

וואלטן זיי געווען ראוי, וואלטן זיי גלייך דערנאך אריין אין א"י. אבער היות למעשה האבן זיי זיך ליידער פארזונדיגט, איז דאס אפגעשטופט געווארן פאר נאך פערציג יאר...

ובכן, נאך פערציג יאר, געפונען מיר טאקע נאך אן אפציילונג: **וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה וגו' שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה לְבֵית אֲבֹתָם כָּל יֹצֵא צָבָא בְּיִשְׂרָאֵל.** (להלן בפרשת פנחס קאפיטל כו')

מען גרייט זיך שוין ווידער, מען גייט ענדליך אריין אין א"י. דער אייבערשטער הייסט פאר משה און אלעזר בן אהרן הכהן: **שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה "לְבֵית אֲבֹתָם"...**

און וויבאלד דא האט דאך די ציילונג די זעלבע טעם, כדי לחלוק להם את הארץ, כדכתיב **לאלה תחלק הארץ וגו' לרב תרבה נחלתו**, (עי' חזקוני שם), דערפאר שטייט אויך ביי די ציילונג "**לְבֵית אֲבֹתָם**", מען דארף זיי ציילן צוטיילט לויט די שבטים.

**ואם תאמר**: אויב אזוי, פארוואס געפונען מיר נישט דא אויך די צווייטע מעלה, "**בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת**"**?** פארוואס דא דארף מען נישט ארויסזאגן, "אני פלוני נולדתי לפלוני ממשפחת פלוני ומשבט פלוני"?

זאגט דער ספורנו (במדבר עה"פ במספר שמות): די מענטשן ביי די ציילונג זענען נישט געווען אין די זעלבע מדריגה ווי די מענטשן אין די פריערדיגע ציילונג. די פריערדיגע מענטשן, דהיינו דער דור המדבר, זענען געווען א ספעציעלע דור דעה, יעדער פון יענע דור האט זיין נאמען עדות געזאגט אויף זיין גרויסקייט, זייער נאמען האט געהאט א שייכות מיט ווער דער מענטש איז געווען. (כמו **ראובן** "ראו מה בין בני לבן חמי")

אנדערש איז אבער געווען דער דור באי הארץ, וואס זייער נאמען האט נישט געהאט אזויפיל שייכות מיטן עצם מענטש. דערפאר, האט מען נישט געציילט די אידן מיט זייער אייגענעם נאמען, נאר כולל געווען די צאל מענטשן פון יעדע משפחה מיטן נאמען פון די ראשי המשפחות. (כגון: וַיִּהְיוּ בְנֵי יְהוּדָה לְמִשְׁפְּחֹתָם לְשֵׁלָה מִשְׁפַּחַת הַשֵּׁלָנִי לְפֶרֶץ מִשְׁפַּחַת הַפַּרְצִי לְזֶרַח מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי.) (ק' כו, כ)

מען דערמאנט נישט דעם ספעציפישע נאמען פון א מענטש נאר ווען עס זאגט עפעס, עס צייגט דער גדלות פונעם מענטש. אבער אויב דער נאמען איז נאר ווי א צייכן ווער דער מענטש איז, פעלט שוין נישט אויס דאס צו דערמאנען.

~

## ר' מאיר האט געוואוסט ווער דער מענטש איז נאר דורך זיין נאמען!

דערציילט די גמרא (יומא פג): **רַבִּי מֵאִיר, רַבִּי יְהוּדָה**, און **רַבִּי יוֹסֵי** זענען אמאל געגאנגען אין וועג. "**רַבִּי מֵאִיר הֲוָה דַיֵּיק בִּשְׁמָא**". רבי מאיר פלעגט בודק זיין די נעמען פון זיינע בעלי אכסניא'ס אויב זיי האבן א שיינע אדער א מיאוס'ע נאמען, ווייל לויט די משמעות פון זייערע נעמען, האט ער געוואוסט וועלכע סארט מענטש ער איז. אבער די אנדערע **רַבִּי יְהוּדָה וְרַבִּי יוֹסֵי, לָא הֲווּ דַיְיקֵי בִּשְׁמָא.**

גייענדיג אין וועג, ווערט נענטער צו שבת און די דריי תלמידים זוכן א פלאץ צו נעכטיגן. זיי קומען אן צו אן אכסניא און בעטן רשות פון דעם בעה"ב צו בלייבן דארט. "זאגט נאר, וואס איז אייער נאמען?" פרעגן די תלמידים.

"**כִּידוֹר** איז מיין נאמען", ענטפערט דער בעה"ב. ר"מ הערט די נאמען און רופט זיך באלד אן "שְׁמַע מִינָהּ, אָדָם רָשָׁע הוּא, דִּכְתִיב, "כִּי דוֹר" תַּהְפֻּכוֹת הֵמָּה (דברים לב)."

דערציילט די גמרא ווייטער: ערב שבת, האבן רַבִּי יְהוּדָה און רַבִּי יוֹסֵי געטרויעט דעם בעה"ב און אים געגעבן זייער געלט אוועקצולייגן. אבער ר' מאיר האט אים נישט געטרויעט און איז ארויסגעגאנגען באהאלטן זיין געלט אין די בית החיים פונקט נעבן די קבר פון דעם **כִּידוֹר**'ס טאטע, טראכטנדיג צו זיך אז דא וועט ער זיכער נישט זוכן די געלט.

פרייטאג-צו-נאכטס, חלומ'ט זיך דער **כִּידוֹר** ווי זיין טאטע קומט אים אין חלום און זאגט אים, "כידור, עס איז דא געלט באגראבן נעבן מיין קבר, קום און נעם דאס!"

שבת אינדערפרי, דערציילט כידור זיין חלום פאר ר' מאיר, "איר הערט וואס איך האב זיך גע'חלומ'ט". זאגט אים ר' מאיר, "אה! די אלע חלומות פון פרייטאג-צו-נאכטס זענען נארישקייטן."

אבער צו זיין זיכער אז דער בעה"ב וועט דאס נישט קומען נעמען, איז ר' מאיר שנעל אהין געגאנגען צום בית החיים און אכטונג געגעבן אויפן פלאץ ביז מוצאי שבת. מוצאי שבת, נעמט ר' מאיר דאס געלט און גייט צוריק צום אכסניא.

די אנדערע צוויי תלמידים, רבי יהודה און רבי יוסי, דארפן אויך צוריק זייער געלט און זענען געגאנגען עס בעטן פון כידור. אבער צו זייער אנטוישונג, זאגט ער צו זיי, "**לֹא הָיוּ דְבָרִים מֵעוֹלָם**. איך האב נישט קיין מושג פון וואס איר רעדט!"

ר' מאיר, זעענדיג וואס דא גייט פאר, האט זיי געזאגט, "**למה לא בדקתם בשמו?** פארוואס האט איר נישט מדייק געווען אין זיין נאמען איידער איר האט אים געטרויעט?"

אמרו לו רבי יהודה ורבי יוסי, "ר' מאיר, פארוואס האסטו אונז נישט

אנגעזאגט אכטונג צו געבן פון דעם מענטש, דו האסט דאך יא געוואוסט ווער ער איז!"

זאגט זיי ר' מאיר, "איך האב אייך נישט געקענט אנזאגן אויף דעם, ווייל ווען איך זאג מען זאל מדייק זיין אויף די נעמען, איז דאס ס"ה מעורר צו זיין א חשש, אבער אודאי איז דאס נישט א זיכערע זאך עד כדי כך אז איך זאל קענען אנווארענען אנדערע אז מען זאל אים האלטן פאר א רשע[ו]."

**עס איז דא צייטן וואס א נאמען זאגט ווי גרויס דער מענטש איז. און עס איז דא צייטן וואס א נאמען צייגט ווי נידריג דער מענטש איז.**

**עס ווענדט זיך נאר אינעם מענטש אליין. לויט ווי אזוי ער פירט זיך אויף, אזוי וועט זיין נאמען געזאגט ווערן. ער איז דער וואס איז מחליט וויפיל שוויות זיין נאמען גייט האבן![ז]**

~

## עשו מיינט אז ער פארשטייט צו א נאמען!

**וַיֹּאמֶר הֲכִי קָרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם אֶת בְּכֹרָתִי לָקָח, וְהִנֵּה עַתָּה לָקַח בִּרְכָתִי...** (בראשית כז, לו)

עשו שרייט אויפגעברויזטערהייט, "איך וואונדער זיך. אפשר ווייל מען האט אים גערופן יעקב, דערפאר פירט ער זיך אויף אזוי, מיט אזעלכע עקבות[ח], **דשמא גרים!**" (ספורנו)

יא, דער עשו וואס נעבעך קען נישט און ווייסט נישט די כוונות פון א צדיק, ער מיינט אז ער פארשטייט צו א נאמען און האט נאך א ביאור אויף דעם. אבער דער אמת ווייסט ער נישט. זאגט דער ספרונו (להלן בראשית לב, כט) דער נאמען "יעקב" מיינט: **שתהיה בעקב ובסוף כל האומות**, ער איז דער וואס וועט בלייבן ביזן סוף לקץ הימין אחד אבדן האומות. (עקב איז נישט טייטש א פאפער)

### יעקב איז דאך נישט קיין פאפער! ווען דער אמת ווערט נתגלה, טוישט עשו אליין דער נאמען!

**וַיֹּאמֶר לֹא יַעֲקֹב יֵאָמֵר עוֹד שִׁמְךָ כִּי אִם יִשְׂרָאֵל כִּי שָׂרִיתָ עִם אֱלֹהִים וְעִם אֲנָשִׁים וַתּוּכָל:** (בראשית לב, כט)

זאגט דער כלי יקר: דער מלאך פון עשו האט דאן אויסגעריסן דעם נאמען יעקב (מיט זיין פאלשע כוונה) **כי יעקב מורה על עקב הלב** און מודה געווען אז באמת דארף ער באקומען די נאמען ישראל, **כי ישראל לשון מישור**... ווייל באמת האט ער א געוואלדיגע גראדקייט אין זיך. און נישט סתם א גראדקייט וואס איז נאר בעיני הבריות, נאר אזא גראדקייט וואס איז פארן אייבערשטער אויך גראד. דער מלאך זאגט, "יעקב, דיינע ערליכע און הייליגע מעשים זאגט אז באמת ביסטו א 'ישראל', און מהיום איז דיין נאמען 'ישראל', שתהיה שר ונגיד... וזה ישראל 'ישר א-ל', **מישור הנראה גם בעיני הקל יתברך**."

רב יוסף ביומא דעצרתא אמר:

**עבדי לי עגלא תלתא. אמר: אי לא האי יומא דקא גרים**

# כמה יוסף איכא בשוקא.

דער אמורא רב יוסף, האט זיך זייער געפריידט מיטן יום טוב שבועות, בעטנדיג דערביי אז מען זאל אים מאכן א סעודה מיט זייער גוטע און טייערע פלייש.

און ער האט מסביר געווען, "איר ווייסט פארוואס איך בין אזוי פרייליך היינט? ווייל אין דעם הייליגן טאג שבועות איז געגעבן געווארן דעם תורה, און נאר דורך לערנען תורה, בין איך געווארן דערהויבן. דעם היינטיגן טאג האט מיר געברענגט זוכה צו זיין- צו זיין דער הייליגער רב יוסף! און ווען נישט דעם היינטיגן טאג, "**כמה יוסף איכא בשוקא**", וואלט איך "יוסף" גארנישט געווען ווערד ווען עס זענען דא אסאך יוסף'ס אין גאס!"

און ווי די מפורשים זענען מסביר, גייט דאס נאך א טריט ווייטער. דהיינו דאס איז גאר דעם ענוותנותו של רב יוסף, וואס זאגט אז אן תורה וואלט ער באמת געווען א גאסן יונג! **כמה יוסף איכא בשוקא** מיינט א יוסף פון גאס! און נאר דורך די תורה הק' וואס ער האט זוכה געווען צו לערנען, האב ער זיך אויסגעלאטערט ביזן ווערן דער "רב יוסף".

**מען קען האבן דער זעלבע נאמען ווי א צווייטן, אבער דער משמעות קען זיין אנדערש! נאר דער מענטש אליין איז דער וואס איז מחליט צו זיין נאמען זאל זיין חשוב אדער מבוזה!**

דער הייליגע תנא ריש לקיש האט גע'טענה'ט מיט ר' יוחנן בעת ווען ר' יוחנן האט אים געוואלט מחזיר בתשובה זיין, "**ומאי אהנת לי התם רבי קרו לי הכא רבי קרו לי**, וואס מער קענסטו מיר געבן? דארטן ביי די רויבער רופט מען מיר רבי און דא וועט מען מיר אויך רופן רבי?"

אמר ליה, "**אהנאי לך דאקרבינך תחת כנפי השכינה**, דאס איז נישט דער זעלבע נאמען. א נאמען וואס איז תחת כנפי השכינה איז גאר אן אנדערע נאמען." (ב"מ פד.)

דער הייליגע תנא רשב"י (שבת לג:), איידער ער איז אריין אין די מערה, האט מען אים גערופן מיטן נאמען רשב"י. נאכן זיין אין די מערה 12 יאר, אתא אליהו וקם אפיתחא דמערתא, אמר **מאן לודעיה לבר יוחאי** דמית קיסר ובטיל גזירתי... אליהו רופט אים שוין אן "בר יוחאי".

אזוי אויך, אמר ההוא סבא טיהר **בן יוחאי** בית הקברות... רשב"י, נאכן זיין אין די מערה פאר 13 יאר, האט זיך משלים געווען צו אזא מדריגה אז זיין נאמען האט שוין נישט געקלעפט אויף אים, ער איז שוין נישט געווען קיין פשוט'ע מענטש, נאר "בר יוחאי".[ט]

ואולי משו"ז קר"ל "**בר יוחאי**" ולא "**בן יוחאי**", כי בן מורה על הפחיתה, כמש"א אצל בן עזאי, דהנ"ט דקר"ל "**בן עזאי**", דלא סמיכה בימיו שנפטר

---

[ו] למעשה עיי"ש המשך הגמרא איך שע"י חכמה הוציא התנאים את כספם מאשתו

[ז] והיינו כשקבל לכתחילה שם טוב. "זכור ימות עולם בינו שנות דור ושור", ביאור המדרש (תנחומא האזינו ז'), לעולם יבדוק אדם בשמות לקרוא לבנו הראוי להיות צדיק, כי לפעמים השם גורם טוב או רע.

[ח] **עקבני**- ענין ערמה הוא

[ט] וכן מצינו בזוה"ק בעת שהתוכח עם מלאך אחד אמר לו רבי שמעון בבקשה ממך לך לפני הקב"ה וא"ל בר יוחאי נמצא בעולם.

בצעירותו. משא"כ "**בר יוחאי**", מורה על גדלות האדם, לומר שלא שייך בכלל ליתן לו שם כמו מלאך...

**לויט ווי אזוי דער מענטש פירט זיך אויף, אזוי טוישט זיך זיין נאמען!**

~

# "למשפחותם לבית אבותם"

לערנט רש"י: די תורה מיינט דא צו זאגן אז די קינדער אין יעדע משפחה ווערן גערעכנט פארן שבט פונעם טאטען. פארוואס? ווייל א אידיש קינד ווערט בעיקר פארעכנעט נאך זיין טאטע ענדערש ווי זיין מאמע. דערפאר, ווען מען האט ארויסגעזאגט די נאמען ביים ציילן, האט מען עס דערמאנט מיט דער טאטע'ס נאמען.

דאס איז אנדערש פון די אומות העולם (בימים ההם), וואס האבן זיך מתייחס געווען בעיקר נאך זייער מאמע (ווייל מיט זייער מאמע זענען זיי געווען זיכער, משא"כ זייער טאטע זענען זיי נישט אזוי זיכער, עי' בספר במ"ח.) ווי דער פסוק זאגט: **אֵלֶּה הֵם בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל וְאֵלֶּה שְׁמֹתָם... שְׁנֵים עָשָׂר נְשִׂיאִם לְאֻמֹּתָם'.** (בראשית כה' טז)

דערפאר, זאגן די פוסקים אז ביים עולה זיין, ווען מען זאגט לע"נ אדער מען דערמאנט א נאמען אויף א קבר, געווענדליך זאגט מען דער טאטע'ס נאמען און נישט די מאמע'ס נאמען!

## און ווען זאגט מען דער מאמע'ס נאמען?

**וכאן הבן שואל:** אויב אזוי, פארוואס איז דער מנהג אז ווען מיר דאווענען פאר א חולה אדער ווען מיר שרייבן א קוויטל, דערמאנען מיר די מאמע'ס נאמען און נישט די טאטע'ס נאמען? עס שטייט דאך "**לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם**", מען דארף דערמאנען דעם טאטע'ס נאמען און נישט דער מאמע'ס נאמען?! (עי' בשו"ת תורה לשמה סימן שצט, שנשאל שם אודות הקמיעות שנהגו לכתוב שם האם ולא שם האב.[א])

זאגט דער שו"ת תורה לשמה: תפלה ובקשת הרחמים גייען מיר יא נאך די מאמע'ס נאמען. ווי די גמרא זאגט (שבת סו:) אמר אביי: "**כל מנייני, בשמא דאימא**", יעדע סארט לחש זאגט מען פלוני בר פלונית (רש"י). פארוואס?

זאגט דער תורה לשמה: ווייל ווען מען בעט רחמים, וויל מען דערמאנען דעם נאמען וואס איז מעורר רחמים און נישט א נאמען וואס קען חלילה מעורר זיין דינים.

דהיינו, וויבאלד ע"פ הרוב וועט מען טרעפן מער קטרוגים אויף א מאן ווי אויף א פרוי, צוליב וואס א פרוי איז פיל וויניגער מחויב ווי א מאן. א פרוי איז פטור צו טוהן די אלע מצות עשה שהזמן גרמא, וגדולה מזו שהיא פטורה ממצות ת"ת, דערפאר האט זי וויניגער דינים. משא"כ דער מאן דארף זיין שטארק אפגעהיטן מען זאל קענען נוצן זיין זכות, **והאיש לא פלט מעון ביטול תורה...** אפי' ווען ער האט שוין יא מצות, איז דער עבירה פון ביטול תורה נאך אלץ אן עיכוב.

דערפאר, ביי תפילה ובקשת הרחמים איז אסאך בעסער צו נוצן די מאמע'ס נאמען. (ועי' עוד בן יהוידע ברכות נה:)

ואולי, דערפאר קען זיין אז ביי גרויסע צדיקים האט מען יא דערמאנט זייער נאמען מיט זייער מאמע'ס נאמען, א שטייגער ווי **לוי יצחק בן שרה סאשה**. אדער ווי דער ריבניץ'ער האט געזאגט, ווען מען האט געערדעט אז דער נאמען "לוי יצחק בן שרה סאשה" איז מסוגל צו אלע ישועות, האט ער זיך אנגערופן אז ווען מען וועט זאגן **חיים זאנוויל בן יוטא צפורא**, וועט עס פונקט אזוי העלפן. (בשם משה צבי בערקאוויטש, גבאי)

על אף וואס בדרך כלל לאחר מאה ועשרים פון א מענטש דערמאנט מען אים נאר מיטן טאטע'ס נאמען, ווען מען דאווענט פאר א חולה, נוצט מען יא די מאמע'ס נאמען וויבאלד דער עולם נוצט דאס מעורר רחמים צו זיין, און ביי מעורר רחמים, נוצט מען דער מאמע'ס נאמען בעסער. (אויפן ציון שטייט טאקע נאר די טאטע'ס נאמען.)

אזוי אויך, פארוואס דערמאנט מען אין ברסלב די נאמען פונעם רבי'ן ביים מאמע'ס נאמען "**רבי נחמן בן פייגא**" און נישט "בן שמחה"?

שמעתי אומרים אז דער רבי אליין האט געוואלט מען זאל אים אזוי רופן, ווייל ער האט זייער מכיר טובה געווען זיין מאמע'ן אז זי האט אים אויפגעצויגן מיט יראת שמים. דער רבי'ס טאטע איז געווען א באהאלטענער צדיק. ער איז געגאנגען גלות ליידן רוב צייט און כמעט נישט געווען אין שטוב. דעם רבי'ן'ס מאמע, די צדיקת פיגא, זי האט אים מגדל געווען. פון ווען דער רבי איז געבוירן, האט זי אים אנגעטוהן א קאפל, אפגעגאסן זיינע הענט און פלעגט אים כסדר נעמען צום קבר פון איר זיידע, דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו און דארט אויסגעוויינט אז דער קינד זאל אויסוואקסן א גרויסער צדיק. דערפאר, האט דער רבי געוואלט מען זאל אים רופן רבינו נחמן בן פיגא, זכותו יגן עלינו.

## היוצא לנו מכל זה,

נישט נאר דער צדיק אליין קען מלמד זכות זיין, בלויז א נאמען פון א צדיק אדער א צדיקות קען אויך מעורר רחמים זיין. ווי צדיקים האבן געזאגט אז נאר מיטן דערמאנען און ארויסזאגן דעם נאמען "בארדיטשוב" איז מען שוין מעורר רחמים... פארוואס? ווייל גם לאחר מותם לא נפרדו המעשים הטובים, דער גוטער נאמען וואס זיי האבן זיך איינגעקויפט אויף דער וועלט, דאס איז וואס בלייבט פאר זיי אויף אייביג.

אויף דעם זאגט שלמה המלך אין קהלת: "**טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב**" (ז, א). ווי רש"י זאגט דארט: **שמן טוב לשעה, ושם טוב לעולם**, שנאמר (תהלים עב) **יהי שמו לעולם**, א גוטע נאמען בלייבט אויף אייביג פאר זיך און פאר אנדערע...

---

[א] לפיכך האומות קרויות בתנ"ך "**לאומים**", מלשון אם, שהן מתיחסים אחר אמם. (עי' ב"ב י. וע"ע בקודשת לוי)

[א] וכתב התורה לשמה ללמוד מדברי הגמ' בשבת (סו) דמזכירין שם האם בבקשת רחמים, וכדאמר אביי: "אמרה לי אם" כל מנייני בשמא דאימא, ופירש"י ז"ל: כל לחישות פלוני בר פלונית. ע"ש.

# מוסר השכל

יעדע געשעפטס-מאן ווייסט און פארשטייט אז די וויכטיגסטע זאך ווען מען עפענט א געשפעט איז צו היטן אויף זיין נאמען. זיין גאנצע הצלחה וועט זיך ווענדן וועלכע סארט נאמען דער געשעפט-אייגנטומער וועט טראגן, איז ער אן ארנטליכער אדער א שווינדלער, זענען זיינע סחורה גוטע אדער ביליגע, אא"וו...

דערפאר, וועט דער געשעפטס-מאן ארייגלייגן קאפ און מח און זיך אפגעבן מיט יעדן קונה באזונדער, אן עיקר צו האבן דעם גוטן נאמען.

**רבותי:** מיר אלע טראגן א נאמען. באלד ביים געבוירן ווערן, באקומט מען א נאמען. דער נאמען איז לויטער, נאך עפעס א חשוב'ע זיידע אדער א גרויסע צדיק, אבער עס טראגט נאך נישט קיין שום חתימה! יאר נאך יאר, ווי מער דאס קינד אנטוויקלט זיך, באקומט דער נאמען א שוויות און א ווערד, אמאל ווערט עס נאר טייערער און אמאל קען דער מענטש ליידער דאס מאכן נאר ביליגער...

אונזער עבודה בימים האלה, איז איינצו'חזר'ן דעם **אי לא האי יומא דקא גרים, כמה יוסף איכא בשוקא.** נאר דורכדעם וואס מיר וועלן עוסק זיין בתורה ועבודה, וועט אונזער נאמען וואקסן! ווי מער תורה, אלץ מער שוויות וועט אונזער נאמען באקומען...

עס האט נישט צוטוהן פון וואו מען קומט, אדער וואס מען איז געוועהן פריער, **התם רבי קרו לי הכא רבי קרו לי, אהנאי לך דאקרבינך תחת כנפי השכינה.** א נאמען וואס איז תחת כנפי השכינה איז גאר אן אנדערע נאמען.

ווען דער הייליגער מגיד פון מעזריטש איז געווען א קינד, האט אמאל אויסגעבראכן א גרויסן פייער אין זייער געגנט. הויז נאך הויז איז פארברענט געווארן ביז צום אפגרינד, ובתוכם דער הויז פונעם מגיד. ווען דאס קינד האט געזעהן אז זיין מאמע וויינט זייער שטארק, האט ער געפרעגט, "מאמע, פארוואס וויינסטו אזוי ביטערלעך? ב"ה אז מיר זענען אלע געראטעוועט געווארן, פארוואס דארף מען אזוי וויינען אויף עצים ואבנים וואס איז פארברענט געווארן?"

זאגט דער מאמע פאר איר קינד, "איך וויין נישט חלילה אויפן הויז, איך וויין אויפן גרויסן יחוס בריוו ביז דוד המלך וואס האט זיך פארברענט! "

האט דער הייליגער קינד זיך אנגרופן צו זיין מאמע, **"מאמע, איר דארפט נישט וויינען! פון מיר וועט זיך דער יחוס פריש אנהייבן!"**

נאר א איד האט א יחוס, נאר א איד האט א שווית, ווייל נאר א איד קען מאכן זיין נאמען ווערן ווערד! משא"כ, א גוי וואס איז קיין נפק"מ ווער זיין טאטע איז געווען און ווער זיין זיידע איז געווען, ער קען קיין יחוס נישט האבן.

דאס זאגט די מדרש: (ילקוט במדבר סי' תרפ"ד)

**בשעה שקבלו ישראל את התורה נתקנאו אומות העולם מה ראו אלו להתקרב מן האומות, סתם פיהן הקב"ה, א"ל: הביאו לי ספר יוחסין שלכם, שנאמר הבו לה' משפחות עמים כשם שבני מביאין ויתילדו על משפחותם.**

לפי"ד קען זיין פשט, ווייל נאר דער איד מיט זיין תכונת הנפש וועט כסדר ממשיך זיין דער יחוס, היטן אויף זיין נאמען און אויב נישט דער טאטע, וועט דער זוהן מאכן זיכער אז ביי איהם זאל זיך דער יחוס צוריק אנפאנגן.

ענדיגט צו דער מדרש: **לכך מנאן בראש הספר הזה, אלה המצות אשר ציוה ה' בהר סיני, ואח"כ שאו את ראש, שלא זכו ליטול את התורה אלא בשביל היוחסין** ע"כ.

ואולי קען זיין הנ"ט נמי פארוואס **"ולעולם קורין פרשת במדבר סיני קודם עצרת".** (שו"ע סי' תכ"ח, ס"ד) ווייל פרשת במדבר לערנט אונז דער ענין פון יחוס, **ולא זכו ליטול את התורה אלא בשביל היוחסין.** אונזער הייליגע זיידעס וואס ביי זיי איז מקיום געווארן דעם "ואגדלה שמך" האבן צוגעברענגט אז זייערע אייניקלעך זאלן באקומען די גרעסטע מתנה- די תורה הקדושה!

# מעשה רב

א געוויסע יחסן און א בנש"ק פלעגט זיך אסאך טשעפענען מיטן הייליגער מגיד ר' ישראל פון קאזניץ זי"ע אלץ קינד. איינמאל האט זיך יענער אנגערופן פארן מגיד, "דער חילוק צווישן מיר און דיר איז, אז איך בין א בנן של קדושים און איר זענט א זוהן פון א ספרים בידנער!" האט דעם מגיד געענטפערט, "נאך א חילוק איז דא צווישן אונזביידע, **ביי דיר האט זיך דער יוחס געענדיגט און ביי מיר הייבט זיך דער יחוס יעצט אן!"**

# צידה לדרך

**נאך א מהלך אויפן פריער'דיגן שאלה:** פארוואס איז דער מנהג אז ווען מען דאווענט פאר א חולה, דערמאנען מיר די מאמע'ס נאמען און נישט די טאטע'ס נאמען?

זאגט דער מעגלי' צדק א געוואלדיגע חידוש: לאמיר א קוק טוהן, וואס געבט דער טאטע און וואס געבט דער מאמע? די ספרים הקדושים ברענגן אז דער טאטע געבט דער "צורה", דהיינו דער נפש פונעם מענטש און דער מאמע געבט דעם "חומר", דהיינו דער גוף פונעם מענטש. ד"ה, דער טאטע געבט דער רוחניות'דיגע שטאנדפונקט פון א קינד און דער מאמע געבט דער גשמיות'דיגע שטאנדפונקט פון א קינד.

דערפאר, ביי תפלות און בקשות וואס איז בעיקר בעניני החומר, גשמיות'דיגע בקשות ווי בני חיי ומזוני, דערמאנט מען די מאמע'ס נאמען. משא"כ, בעניני הרוחניות, ווי עולה זיין און א לע"נ, וואס דאס איז דער צורה פון א מענטש, דערמאנט מען דער טאטע'ס נאמען..

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען אויף אי-מעיל
קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com